ספרי' — אוצר החסידים — ליובאוויטש

# לקוטי שיחות

מכבוד קדושת

## אדמו"ר מנחם מענדל
## שניאורסאהן
## מליובאוויטש

## נח - ז' מ"ח

יוצא לאור על ידי מערכת
"אוצר החסידים"
770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ואחת לבריאה
שבעים שנה לנשיאות כ"ק אדמו"ר מה"מ

# נח — ז׳ מ״ח

א. ז׳ מרחשון[1] פאַלט אויס אַלע־מאָל[2] אין דער וואָך וואָס נאָך ש״פ נח. ועפ״י הידוע אַז ימי השבוע האָבן אַ שייכות צו יום השבת שלפניהם, דמיני׳ מתברכין[3], איז מובן, אַז דער תוכן פון ז׳ מרחשון האָט אַ קשר[4] מיט (ועכ״פ מרומז אין) די ענינים[5] פון פרשת נח.

ז׳ מרחשון איז דער טאָג ווען „שואלין את הגשמים — ט״ו יום אחר החג, כדי שיגיע אחרון שבישראל לנהר פרת״[6], ד.ה. ביז דעם טאָג איז באַ אידן נאָך אַלץ געווען אַ המשך פון דעם מצב פון עלי׳ לרגל דחג הסוכות. און דאָס איז נוסף אויף דעם וואָס (בלשון השו״ע[7]) „דומה להם כאילו הם עדיין בא״י עסוקים בעניני הרגל״, נאָר ווייל אַזוי איז דער ענין ע״פ תורת אמת — ובלשון הכתוב[8] „ולא יחמוד איש את ארצך בעלותך לראות את פני ה׳ אלקיך״, וואָס דאָס נעמט אַרום דעם גאַנצן זמן — פון התחלת עליתם לרגל ביז זייער אומקערן זיך צוריק למקומם ממש[9], והיינו ביז ז׳ מרחשון, ווען דער „אחרון שבישראל״ דערגרייכט „לנהר פרת״ גבול א״י.

און אע״פ אַז פון ז׳ מרחשון, ווען יעדער עולה לרגל איז שוין געקומען למקומו תחת גפנו ותחת תאנתו[10], איז מען לכאורה אין אַ מצב פון ירידה לגבי דעם מצב פון „בעלותך לראות את פני ה״א״, אין ביהמ״ק, איז אָבער ע״פ הוראת חז״ל[11] „מעלין בקודש״, אַז אַ איד דאַרף שטענדיק גיין אַלץ העכער און העכער, מחיל אל חיל[12] — דאַרף אויסקומען אַז אין דעם איז דאָ אויך אַ מעלה ועלי׳ לגבי דעם מצב פון עלי׳ לרגל.

---

1) ראה זח״ב בהוספות (ערה, א): ומאלול כו׳ עד שיתא יומין בחשון עד דיהדרון ב״נ מחובייהו ויתכפר להון.

ומזה מובן גם לענין המבואר לקמן בפנים דעד ז׳ מרחשון עסוקים בעניני הרגל, היינו עד ולא עד בכלל.

וראה בארוכה שיחת ש״פ לך תשד״מ.

2) כי ראשון דר״ח מ״ח הוא תמיד אחרי ש״פ בראשית וקודם ש״פ נח.

3) זח״ב סג, ב. פח, ב.

4) ראה של״ה חלק תושב״כ ר״פ וישב: באלו הפרשיות חלו . . או לפניהן או לאחריהן . . בכולן יש שייכות כו׳.

השייכות דז׳ מרחשון להשבוע בו חל — פ׳ לך: ראה בארוכה לקו״ש ח״כ ע׳ 54 ואילך. וש״נ.

5) להעיר על השייכות הכללית דז׳ מרחשון שבו „שואלין את הגשמים״ (כדלקמן בפנים) לפרשתנו — ענין המבול — ע״פ מרז״ל (מהנ״ע בז״ח פרשתנו (כב, סע״א). פרש״י פרשתנו ז, יב) „יהיו גשמי ברכה״, וכל החודש מרחשון נק׳ „ירח בול״ (מ״א ו, לח) ע״ש גשמי ברכה שבו — ראה ירושלמי ר״ה פ״א ה״ב. יל״ש מלכים רמז קפד (ושם שעש״ז נק׳ „מבול״). ולכן נק׳ גם מרחשון — פר״ח לשו״ע אה״ע סקכ״ו בסוס״ז. וראה לעיל ע׳ 26.

6) משנה תענית י, א.

7) חו״מ סמ״ג סקמ״ז.

8) תשא לד, כד.

9) שעד אז הוצרכו להבטחה „ולא יחמוד איש גו׳״, שהרי לא היו בביתם. וראה ירושלמי פאה פ״ג ה״ז. יל״ש עה״פ תשא שם (רמז תד).

10) מ״א ה, ה.

11) ברכות (כח, א) וש״נ. וראה זח״ג קסב, ריש ע״ב. — בברכות שם „גמירי מעלין כו׳״ במנחות (צט, א) „ומנלן דמעלין כו׳ דאמר קרא כו׳״, אבל בירושל׳ בכורים פ״ג ה״ג „שמעתי שמעלין כו׳״. — ראה שו״ע אדה״ז או״ח ססל״ד. וראה שד״ח כללים מ״ם ס״ק קצד. מאסף לכל המחנות או״ח סכ״ה סקי״ב — הדעות וכמה פרטים בזה, וכן אם הוא מה״ת או מדרבנן.

12) ל׳ הכתוב תהלים פד, ח. וראה ברכות בסופה. שו״ע אדה״ז או״ח סקנ״ה ס״א. וש״נ.

ב. דער ביאור בזה (ווי שוין גע־רעדט כמה פעמים[13]), אַז דוקא בשעת אַ איד קומט לביתו ולמקומו און ער פאַר־נעמט זיך מיט עבודת האדמה, אדם חורש ואדם זורע[14] וכיו"ב, האָט ער דע־מאָלט די מעגלעכקייט צו מקיים זיין מצוות התלויות בארץ כפשוטן, און ממ־שיך זיין קדושה אויך בכל דבריו ועני־ניו, „מעשיך ודרכיך" הגשמיים — אַן עבודה וועלכע איז ניט שייך ווען ער געפינט זיך בעלותו לרגל אין ירוש־לים[15] און בביהמ"ק.

איז דאָך דאָס אַן עלי' אין זיין עבודה, ובשתים — סיי מצד מעשה הגברא און סיי מצד דער חפצא:

רז"ל זאָגן[16] נתאווה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים, וואָס דאָס ווערט דורכגעפירט דורך קיום המצות אין דברים גשמיים, ובמיוחד מיט די מצות התלויות בארץ שדה וכרם וכו'. ווען אַ איד נעמט דברים גשמיים, וועלכע זיי־נען מצד עצמם ניט קיין „חפצי שמים", און איז מיט זיי מקיים אַ מצוה און מאַכט פון זיי אַ חפץ של מצוה וקדושה וכיו"ב — ווערט דערמיט געשאַפן אַ דירה לו ית' בתחתונים, אַז קדושתו של הקב"ה ווערט נמשך און נעמט דורך די דברים תחתונים.

ועד"ז בנוגע לגברא: זייענדיק אין ירושלים ובביהמ"ק, דאָרט איז דער איד ניט אַריינגעטאָן (אויף אַזויפיל) אין דער עבודה מיט דברים גשמיים („תחתו־נים"). ער געפינט זיך אין אַ מקום וואָס איז קדוש מלכתחילה, און ער האָט צו טאָן רובו ככולו מיט עניני קדושה. דאָרט איז עיקר עבודתו: „יראה כל זכורך את פני האדון ה'"[17] — ראיית אלקות[18].

קומט אויס, אַז דוקא בז' מרחשון, ווען יעדער איד קומט למקומו, איז דאָ די מעלה בעבודת הגברא בתחתונים ממש — יעדער איד ווערט אַ שליח דורכצו־פירן דעם ענין פון „נתאווה הקב"ה" וועלכע קען ניט דורכגעפירט ווערן (אויף אַזויפיל) בעלייתם לרגל; און אויך די מעלה אין דעם נפעל, בהחפצא, אַז ער מאַכט אַ דירה פאַר דעם אוי־בערשטן בתחתונים.

ג. און אע"פ אַז אָט די מעלה אין דער עבודת ישראל פון ז' מרחשון אַן (לגבי דעם מצב ועבודת ישראל בעלי' לרגל) איז דאָס טאַקע אַזוי לפי האמת (בפנימיות ותכלית הענינים) מצד דעם רצון ה' וכוונתו ית' — בגילוי אָבער און ווי ס'איז נרגש ביי יעדן אידן, איז דאָך עבודת בנ"י פון ז' מרחשון אַן פאַרט פאַרבונדן מיט אַ מצב של ירידה, און אַ ירידה עצומה — פונעם מעמד ומצב הכי נעלה פון „יראה כל זכורך את פני האדון ה'", „כדרך שבא לראות כך בא ליראות וכו'"[19], צו דעם מצב ועבודה פון

---

13) ראה בארוכה לקו"ש ח"כ שם (ע' 56 ואילך) וע' 381 ואילך. ועוד.

14) ברכות לה, ב.

15) ונוסף לזה שאינו שייך מצד מצבם דבנ"י בעלייתם לרגל, א"ז שייך גם מצד הדינים שנאמרו בירושלים: אין נוטעים בה גנות ופרדסים ואינה נזרעת ואינה נחרשת כו' ואין מקיימין בה אילנות כו' (רמב"ם הל' ביהב"ח פ"ז הי"ד).

16) תנחומא נשא טז. במדב"ר פי"ג, ו. תניא פל"ו.

17) תשא לד, כג. ועד"ז — משפטים כג, יז. ראה טז, טז.

18) ראה תוד"ה כי מציון ב"ב כא, א. לקמן הערה 46.

19) חגיגה בתחלתה. וראה בארוכה אוה"ת וירא ד"ה אשר יאמר (קב, ב ואילך)*.

---

*) עפמ"ש באוה"ת שם (קג, סע"ב) וענין שתי עיניו של אדם . . ממכ"ע . . סוכ"ע — יל"פ ב' הלשונות ברמב"ם הל' חגיגה (פ"ב ה"א) כשם שהן

זיין פאַרנומען זיין מיט עבודת האדמה ועובדין דחול כו' — אַן עמל וטירחא בפשטות, און אויך אַן עבודה של יגיעה וטירדא ברוחניות. אַ איד איז דאָך מרגיש אַז ער איז ניט אין דעם מצב נעלה פון ביהמ"ק, „לפני ה'"[20].

איז צוזאַמען דערמיט „פּילן" אידן אויך די מעלה גדולה שבזה.

ועפ"ד ווי מ'געפינט בנוגע כניסתם של בנ"י פון מדבר אין א"י:

זייענדיק אין מדבר, האָבן אידן ניט געהאַט קיין דאגות וועגן זייערע צרכים הגשמיים: זיי האָבן אַלץ באַקומען מן המוכן, פון דעם אויבערשטן, סיי בנוגע לאכו"ש (מן, לחם מן השמים[21], מים מבארה של מרים[22]), סיי בנוגע להלבושים — די ענני הכבוד וואָס „היו שפים בכסותם ומגהצים אותם"[23].

אין אַזאַ מצב האָבן זיי זיך געקאָנט אָפּגעבן אינגאַנצן מיט ענינים רוחניים, לימוד התורה וכו'[24].

משא"כ בכניסתם לארץ, וואָס דעמאָלט האָבן זיי שוין מער ניט געהאַט קיין לחם מן השמים און זיי האָבן זיך געדאַרפט אָפּגעבן מיט עבודת האדמה — כי תבואו אל הארץ גו' שש שנים תזרע שדך וכו'[25], און די אַלע עבודות הקשורות בזה: יעדער איד האָט געדאַרפט זיך עוסק זיין צו באַזאָרגן זיין הצטרכות באכו"ש ולבושים וכו'.

און אין אַזאַ סדר החיים, איז דאָך, כמובן, אַ סך שווערער צו אָפּגעבן זיך מיט ענינים רוחניים.

ביז אַז די מרגלים האָבן (מהאי טעמא) איבערגערעדט אידן ניט צו (וועלן) אַריינגיין אין א"י (ווי מבואר אין ספרים[26]).

ד. אעפ"כ געפינט מען, אַז נאָכן חטא המרגלים זאָגט דער פסוק[27] (בהמשך לזה) „כי תבואו" וואָס פירושו איז, ווי רש"י איז מפרש: „בשר להם שיכנסו לארץ" — וואָס לכאורה איז דאָס ניט מובן: הן אמת אַז נאָכדעם ווי „קצף ה' עליהם והרעים בקול רעש ורוגז עד[28] מתי לעדה הרעה הזאת וגו' במדבר הזה יפלו פגריכם וגו' אני ה' וגו'"[29] איז „נכנע ונשבר לבם בקרבם"[29] און דערפאַר זיינען זיי געווען גרייט גלייך אַריינצוגיין[30] לארץ — מיט וואָס איז אָבער דער „תבואו" פאַר זיי אַ בשורה (טובה), וויבאַלד דאָס איז דאָך פאַרט אַ ירידה לגבי זייער מעמד ומצב אין מדבר? ובפרט זייענדיק אַ „דור דעה"[31], האָבן זיי זיכער ניט געזאָגט זיך, „נתאוו" צו (האָבן אַ גשמית'דיקע לאַנד און) פאַרנעמען זיך מיט ענינים גשמיים.

ע"פ הנ"ל איז דאָס מובן: וויבאַלד אַז דוקא קומענדיק אין א"י וועלן זיי האָבן

20) כנאמר בכמה כתובים על ביהמ"ק או גם בנוגע לירושלים (ראה יב, ז. יד, כג. ועוד).

21) בשלח טז, ד.

22) תענית ט, א. פרש"י חוקת כ, ב.

23) פרש"י עקב ח, ד („ואף קטניהם כמו שהיו גדלים הי' גדל לבושן עמהן").

24) כמרז"ל (מכילתא בשלח בתחלתו. שם טז, ד) ש(מטעם זה) לא ניתנה התורה (לדרוש) אלא לאוכלי המן.

25) בהר כה, ב־ג.

באין להראות לפני ה' כך הם באים לראות הדר קדשו (סוכ"ע) ובית שכינתו (ממכ"ע).

26) ראה דרושי פ' שלח בלקו"ת, אוה"ת ועוד.

27) שלח טו, ב.

28) שם יד, כז: כט: לה.

29) ל' התניא ספכ"ט (לח, א).

30) כמו שאמרו (שלח יד, מ) הננו ועלינו גו' (הובא בתניא שם).

31) ראה ויק"ר פ"ט, א. במדב"ר פי"ט, ג. וראה בהנסמן בלקו"ש חט"ז ע' 205 הערה 19.

די מעגלעכקייט צו מאַכן פון די חפצי העולם אַ חפצא של קדושה דורך קיום המצות התלויות בארץ כו' (וכמרז"ל[32] בנוגע אפילו למשה איש האלקים[33]) —

ווי דער פסוק איז ממשיך נאָך „כי תבואו" וועגן די מצות פון (נסכים[34]) חלה וכו' (ניט ווי אין מדבר וואָס דאַרטן האָבן זיי ניט געהאַט צו טאָן (אויף אַזוי־פיל) מיט דברים גשמיים) —

פירט זיך דורך דאַמאָלס דער נתאווה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים.

און דעריבער, נוסף ע"ז וואָס בשעת אַ איד ווייס אַז ער גייט דורכפירן דעם רצון פון אויבערשטן (וועלכן רצון עס זאָל זיין) וואָס איז גורם אַ נח"ר למעלה, כמרז"ל[35] „נחת רוח לפני שאמרתי ונעשה רצוני", איז דאָס אַ בשורה (טובה) פאַר יעדן אידן און ברענגט אים שמחה,

ובנדו"ד, וויבאַלד אַז די עבודה איז פאַרבונדן מיט „נתאווה הקב"ה", מיטן תענוג פון דעם אויבערשטן, איז ווען אַ איד פירט דורך די עבודה ווערט דאָס דער „נתאווה", דער אמת'ער עונג פון דעם אידן גופא [ובפרט באַ די אידן וואָס די תורה[36] זאָגט אויף זיי „ואתם הדבקים בה"א חיים כולכם היום"[37]*, ווערט ביי זיי אין דער עבודה פון לעשות לו דירה בתחתונים דערהערט דער תענוג הבורא, ביז באופן אַז דאָס ווערט זייער תענוג אויך בגלוי].

ועד"ז איז מובן בנוגע דער עבודה פון יעדער אידן פון נאָך ז' מרחשון, בחזרתם לביתם, אַז דער מעלין בקודש און די הליכה מחיל אל חיל איז ניט בלויז אין דער עבודה עצמה, נאָר אויך בהרגשתם וכמש"נ[38] „וילכו לאהליהם שמחים וטובי לב"[39] און נאָכמער — דאָס וואָס אידן זיינען מרגיש אין דער עבודה פון נאָך ז' מרחשון דעם תענוג הבורא מצד נתאווה הקב"ה, איז אַ העכערער עילוי ווי דער הרגש הנח"ר וועלכן זיי האָבן בעלותם לרגל זעענדיק דעם גילוי שכינה בביהמ"ק.

וואָרום בעלי' לרגל איז עס באופן פון אַ נח"ר וואָס עס האָט אַ נברא; וואָס אַ איד האָט נח"ר פון דעם גילוי שכינה[40] (בדוגמת נשמות בגן עדן וואָס „נהנים מזיו השכינה"[41]).

משא"כ דער תענוג ונח"ר אין דער עבודה פון ז' מ"ח און — איז פאַרבונדן מיט דעם „נתאווה", מיטן תענוג ונח"ר לבורא, וואָס דער איד „פילט" (מצד ביטולו) בעבודתו[42].

---

32) סוטה יד, א.

33) ברכה לג, א. תהלים צ, א.

34) ראה קידושין לז, ב.

35) פרש"י ויקרא א, ט. ספרי (ורש"י) פינחס כח, ח. ובכ"מ.

36) ואתחנן ד, ד — הובא בפרש"י חוקת כ, כב.

37) שבפשטות להם נאמר „כי תבואו".

38) מ"א ח, סו.

39) אף שבפסוקים שם מדובר לאחרי חנוכת ביהמ"ק הא' בימי שלמה (וראה שבת ל, א. ושנ"נ. מפרשי תנ"ך שם), תוכן ענין השמחה הוא בכל פעם שחזרו מעלי' לרגל — ראה לקו"ד ח"ב ריז, א ואילך. וראה שם (ריח, א) טעם הה'.

40) שלכן לא נרגש אז אצלם כ"כ, שמקיימים רצון ה' כעבד — ראה בארוכה לקו"ש ח"כ ע' 57 ואילך.

41) ברכות יז, א. רמב"ם הל' תשובה פ"ח ה"ב. וראה תניא ספ"ד.

42) ראה המשך וככה תרל"ז ספ"ב ורפט"ו. לקו"ש ח"ה ע' 244 ואילך.

---

*) ולהעיר שמביא שם ראי' מנשמות בגופים, שנאמר (משפטים כד, יא) ויחזו גו'".

ה. מ'דאַרף אָבער פאַרשטיין:

ז' מרחשון איז דאָך דער זמן ווען דער „אחרון שבישראל" איז מגיע לנהר פרת, אָבער אַלע אַנדערע אידן, וועלכע לעבן אין די נעענטערע מקומות שבא"י, זיינען אָנגעקומען למקומם אין די פריערדיקע טעג, ביז אַז די וואָס האָבן געוואוינט בסמוך לירושלים זיינען אָנגעקומען לבתיהם גלייך נאָך יו"ט.

ועפ"ז, וויבאַלד אַז רוב רובם של בנ"י קומען לבתיהם פאַר ז' מרחשון (און בלויז ביי מתי מספר נמשך זמן ביאתם עד ז' מרחשון), קומט אויס אַז ביי רובם ככולם הויבט זיך אָן די עבודה בשדה („בתחתונים") (אַ סך) פריער —

אָבער פון דעם וואָס ז' מרחשון איז נקבע געוואָרן ע"פ תורת אמת אַלס זמן פון שאילת גשמים פאַר אידן אין גאַנץ א"י (און אויך בזמן הזה[43]), איז מובן, אַז דוקא דעמאָלט פאַנגט זיך אָן דער זמן העבודה הנ"ל (פון לאחרי הרגל, למעליותא) פאַר אַלע אידן אין א"י.

ו. וי"ל דעם ביאור בזה:

דער אַלטער רבי איז מבאר אין תניא[44] דעם דיוק לשון חז"ל „נתאווה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים" — אַז מיט „תחתונים" ווערט געמיינט דער „עוה"ז הגשמי והחומרי ממש" וועלכער איז „תחתון במדריגה שאין תחתון למטה ממנו בענין הסתר אורו ית'". וואָס דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז אין „עוה"ז הגשמי והחומרי ממש" גופא, איז דער עיקר ענין ה„דירה" ווערט אויפגעטאָן אין דעם „תחתון שאין תחתון למטה ממנו" אין עוה"ז גופא[45].

ועפ"ז איז מובן בעניננו, אַז ווען פירט זיך דורך דער „נתאווה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים", איז עס ניט אַזוי בשלימות אין דער עבודה פון די אידן שבירושלים (וסמוך לה, וואָס דאָרטן איז מאיר קדושת ירושלים) — נאָר דורך דער עבודה פון די אידן וועלכע געפינען זיך בריחוק מקום פון ירושלים — וואָס דער ריחוק מקום גשמי איז פאַרבונדן מיטן ריחוק מקום ברוחניות — וואָס דער פני הוי', אור אלקי, לייכט דאָרט ניט אַזוי ווי בירושלים[46] וסמוך לה (און ווי דאָס איז כפשוטו, אַז קדושת ירושלים[47] און אויך סמוך לה[48] איז מער מקודש ווי די מקומות שמחוצה להם).

ביז צו דעם „תחתון שאין תחתון למטה ממנו" — די עבודה פון דעם „אחרון שבישראל", וואָס איז אין דעם „מקום ישוב היותר רחוק מירושלים"[49].

ז. ויתרה מזה: דער ענין פון ז' מרחשון (ווען הגיע האחרון שבישראל

43) ראה שו"ע אדה"ז או"ח ר"ס קיז. וראה לקו"ש ח"כ ע' 55. וש"נ.

44) פל"ו.

45) וראה מכתב כ"ק מו"ח אדמו"ר (אגרות קודש

שלו ח"ג ע' דש ואילך — בביאור ל' התניא שם) דכמו שבעולמות הרי התכלית הוא עוה"ז התחתון הנה כמו"כ בהאדם הרי התכלית הוא לבושי הנפש כו' והעיקר הוא בכח המעשה.

46) שנק' ע"ש יראה ועל שם שלם (ב"ר פנ"ו, י. תוד"ה הר (תענית טז, א)). והוא מקום שלימות היראה — ראה בהנסמן לעיל הערה 18. וראה לקו"ת ר"ה ס, ב. שה"ש ו, ג. ובכ"מ.

47) משנה כלים פ"א ה"ח. רמב"ם הל' ביהב"ח פ"ז הי"ד.

48) ראה לגבי קריאת המגילה — שכרך וכל הסמוך לו וכל הנראה עמו כדינו — מגילה ב, ב. ג, ב. רמב"ם הל' מגילה פ"א הי"א. וראה רמב"ם הל' תעניות פ"ה הט"ז חיוב קריעה מן הצופים. וברמב"ם הל' ביהב"ח פ"ז ה"ח: בזמן שהמקדש בנוי אסור לו לאדם להקל את ראשו מן הצופים שהוא חוץ לירושלים ולפנים (וראה שו"ע אדה"ז או"ח מהד"ק ס"ג סי"א), שכ"ז שייך וקשור לקדושת ירושלים. וראה צפע"נ הל' תעניות שם. ועוד. ואכ"מ.

49) שו"ע אדה"ז או"ח ר"ס קיז.

לביתו) איז נוגע צו אַלע אידן[50] — ווייל בשעת ס'איז דאָ די עבודה אויך פון דעם „אחרון שבישראל", טוט זיך אויף די „דירה לו ית'" בשלימות מער — באַ אַלע אידן, בכל ארץ ישראל.

ובדוגמת דירת בשר ודם דא למטה[51]: אַ דירת אדם באַשטייט פון כמה חדרים — חדר אכילה, חדר שינה, וכו' ביז צו דעם חדר וואָס איז פטור ממזוזה[52]. והיינו, אע"פ אַז די חדרים זיינען ניט גלייך אין דער חשיבות ההשתמשות והדירה בהם: פאַראַן חדרים וואָס אין זיי איז עיקר תשמישו ודירתו, פאַראַן חדרים וואָס זיינען נאָר טפל[53], ביז טפל דטפל — אעפ"כ זיינען זיי אַלע איינגעשלאָסן אין איין און דער זעלבער דירה. ד.ה. די בעלות האדם, אַלס זיין דירה, איז בשווה אין אַלע חלקי הדירה. און דוקא בשעת עס זיינען דאָ (ניט בלויז דער חדר אין וועלכן ער טוט עיקר תשמישו[54], נאָר אויך[55]) אַלע אַנדערע טפל'דיקע חדרים, ווערט דעמאָלט אין שלימות'דיקע דירה[56].

ועד"ז[57] איז דאָס בנוגע כביכול לדירתו של הקב"ה[58]:

בעבודת ישראל זיינען דאָ כמה חילוקים: כהנים ולוים (וואָס עיקר עבודתם איז אין מקדש), ביז צו אַ כה"ג וואָס ביתו איז בירושלים און ער טאָר ניט אַרויסגיין פון ירושלים לעולם[59]; און עס איז אויך דאָ די עבודה פון בני ישראל וואָס איז ניט פאַרבונדן (בגלוי) מיטן ביהמ"ק וירושלים, ביז צו די וואָס זייער עיקר עבודה איז במקום הכי רחוק מירושלים, ביי „נהר פרת", ועי"ז ברענגען זיי אַריין קדושה אין דברים תחתונים גשמיים[60].

און דוקא דורך דער עבודה פון אַלע אידן אין די פאַרשידענע אופני עבודה ווערט כביכול „צונויפגעשטעלט"[61] איין (גאַנצע) דירה פאַר דעם אויבערשטן.

וואָס דער ענין דריקט זיך אויס אויך אין הלכה: עס זיינען דאָ כמה דינים

---

50) ולהוסיף: איך יערב לו ויהנה מישיבתו תחת גפנו ותאנתו — כשיודע ש„אחיו" מטולטל בדרך וכו'.

51) נוסף על המבואר בכ"מ (וראה לקו"ש ח"ד ע' 1054. ועוד) שבדירה שני ענינים, שבה נמצא האדם א) בכל עצמותו, ב) בגילוי.

52) טושו"ע יו"ד סרפ"ו ס"ד.

53) ונפק"מ גם להלכה בכמה דברים, ומהם בענין קביעות מזוזה דצריך לקבעה על ימין הנכנס, דחדר שבו הוא עיקר תשמישו כו' חשיב פנימי (וכניסה) לגבי שאר החדרים — ראה נ"כ הטושו"ע שם סי' רפט ס"ג.

54) ראה רש"י עירובין כו, סע"ב ד"ה חוץ מן המים. שו"ע אדה"ז או"ח ר"ס שסו.

55) וראה שו"ע אדה"ז או"ח סתרל"ט ס"א. תרמ ס"ו.

56) ובימיהם הכרח וחיוב להיות בית הכסא (רק בכל עיר, וכל עיר שאין בה (עשרה דברים הללו) אין ת"ח רשאי לדור בתוכה (סנהדרין יז, סע"ב. רמב"ם הל' דעות ספ"ד). אבל במצב דהרחבה (ומפני צניעות) ובפרט בימינו נמצא בדירת כאו"א. וראה שו"ע אדה"ז או"ח מהד"ת ס"ג ס"ב.

57) ואדרבה, כיון שכן הוא בדירתו של הקב"ה נשתלשל כן כביכול בדירת האדם כפשוטו, וככל הדברים שבעולם שנשתלשלו מלמעלה — ראה תניא רפ"ג.

58) להעיר מחלקי ביהמ"ק [דירתו של הקב"ה בגלוי וכמש"נ (תרומה כה, ח) ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, מכון לשבתך גו' (בשלח טו, יז)] — „הדברים שהן עיקר בבנין הבית" וכו' (רמב"ם הל' ביהב"ח פ"א ה"ה). וראה (בפנימיות הענינים) ע"ד ג' דיורים בביהמ"ק — אוה"ת ויקהל ע' ב'קצה ואילך. סה"מ תרס"ג ע' נא. ד"ה כי הוא יברך הש"ת בתחלתו. ולהעיר מ„חדר המטות" בביהמ"ק (מ"ב יא, ב. ראה מפרשים שם. שהש"ר פ"א, טז (ב)).

59) רמב"ם הל' כלי המקדש פ"ה ה"ז.

60) ובכללות נחלקים לב' סוגים: יושבי אהל ובעלי עסק, ישכר וזבולון, מארי תורה ומארי עובדין טבין (ראה לקו"ש ח"ח ע' 189 ואילך. ושנ"ן).

61) ולהעיר ממצות התלויות במלך שהוא מוציא בהן כל ישראל (אגה"ק ר"ס כט בשם האריז"ל).

בשייכות לא״י וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן תנאי פון „כל יושבי׳ עלי׳״[62], אַזוי ווי יובל וכל הדינים השייכים לזה (בת ערי חומה, גר תושב וכו׳ וואָס זיינען נוהג נאָר בזמן שהיובל נוהג[63]). און דער פירוש פון „כל יושבי׳ עלי׳״ איז ניט נאָר אַז אַלע אידן דאַרפן זיין בארץ ישראל „ולא בזמן שגלו מקצתן״[64], נאָר „שלא יהיו מעורבבין שבט בשבט אלא כולן יושבין כתקנן״[65].

וואָס דערפון איז מובן אויך בנוגע צו יעדן שבט גופא[66], אַז אין דעם זמן וואָס „יושבין (פון יעדן שבט גופא, איז) כתיקנן״ איז דעמאָלט די שלימות ישוב הארץ, אַלס דירה פאַר אַלע אידן (ובמילא קומט דאָס אַרויס בגילוי אין דעם אַז דוקא דעמאָלט איז דער זמן פון „דרור בארץ לכל יושבי׳״[67], חירות פאַר אַלע אידן)[68].

ח. עפ״ז וועט מען פאַרשטיין דעם טעם פאַרוואָס דוקא ז׳ מרחשון איז דער זמן (פון שאילת גשמים) וואָס פאַר־אייניקט אַלע אידן אין דער עבודה פון לעשות לו ית׳ דירה בתחתונים:

אין דער עבודה פון בנ״י בירושלים וסמוך לך אין דעם זמן שלפנ״ז, איידער מ׳האָט די עבודה פון דעם „אין תחתון למטה ממנו״, איז נאָך ניטאָ דער ענין ה„דירה״ (בשלימותה), וואָרום „נתאווה הקב״ה להיות לו דירה בתחתונים״ דוקא, די „דירה״ פון אויבערשטן איז אין דעם „אין תחתון למטה ממנו״:

לאחרי אבער ווי „הגיע אחרון שבישראל לנהר פרת״ און מ׳האָט די עבודה אין דעם „תחתון שאין תחתון למטה ממנו״ — דעמאָלט ווערט נתגלה ווי די „דירה לו ית׳״ ווערט אויפגעטאָן דורך אַלע אידן שבכל ארץ ישראל[69], סיי דורך די אידן וואָס לעבן בירושלים וסמוך לה און סיי דורך די אידן וואָס מקומם איז בגבול הארץ, בנהר פרת „מקום ישוב היותר רחוק מירושלים״[49]. ווייל, כנ״ל, דער גדר פון אַ דירה איז איין ענין וואָס ווערט צונויפגעשטעלט פון כמה חדרים.

ט. אין דעם געפינט מען אויך אַן ענין נפלא בנוגע דער אחדות פון אידן:

אע״פ אַז בשעת אידן האָבן עולה לרגל געווען לירושלים בביהמ״ק, זיינען זיי אַלע געשטאַנען ביחד בירושלים ובביהמ״ק אין אַן אופן פון „יראה כל

---

62) ערכין לב, סע״ב. תו״כ בהר כה, י. רמב״ם הל׳ שמיטה ויובל פ״י ה״ח.

63) רמב״ם שם ה״ט.

64) ערכין שם. ועד״ז בתו״כ שם „שגלו מתוכה״.

65) ל׳ הרמב״ם שם ה״ח (מערכין שם. וראה גם תו״כ שם).

66) להעיר שגם שמיטה (שא״א ליובל בלי שמיטה שלפנ״ז) הוא רק לאחרי כבוש וחילוק — „חילקו למשפחות ולא חילקו לבתי אבות [חלקו לבתי אבות]* ואין כל אחד ואחד מכיר את חלקו, יכול יהו חייבים בשמיטה ת״ל שדך שיהא כל אחד ואחד מכיר שדהו כרמך כו׳״ (תו״כ ר״פ בהר).

67) בהר כה, י.

68) מעין זה בענין דברוב עם (שקאי אפילו על אחד בישראל) הדרת מלך (ובמילא „פועל״ על כל העם).

*) כן הוא ביל״ש ר״פ בהר. וכ״ה גירסת הגר״א בתו״כ.

69) ובהזמן אשר מפני חטאינו גלינו מארצנו, עבודת בנ״י היא לעשות הדירה גם בחו״ל — לעשותו א״י, וכמאמר הצ״צ בזה (אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״א ע׳ תפה ואילך). ולהעיר ממרז״ל (פס״ר פ׳ שבת ור״ח. יל״ש ישעי׳ רמז תקג) עתידה א״י שתתפשט בכל הארצות. וראה לקו״ת מסעי פט, ב ואילך.

זכורך" בפשטות, און אויך ברוחניות[70] זיינען אַלע געווען בלב אחד „לראות את פני ה"א":

משא"כ ווען יעדער איד איז געקומען תחת גפנו ותחת תאנתו, ביז צו ז' מר־חשון ווען אויך דער „אחרון שבישראל" איז אַנגעקומען למקומו, וואָס (בחיצו־ניות) זיינען זיי דעמאָלט ניט געווען אין אַ מצב פון אחדות (ווי בעת עלייתם לרגל), זייענדיק אָפּגעטיילט איינער פון צווייטן —

אָבער (בפנימיות) האָט זיך דוקא דע־מאָלט אויפגעטאָן די אמת'ע אחדות, וואָס שאַפט די (שלימות) קדושת הארץ דורך דעם וואָס „כל יושבי' עלי'"[71] און אין אַן אופן וואָס אינן מעורבבין.

ועד"ז אין דער השלמת הכוונה פון „נתאווה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים", אַז דוקא דורך דעם וואָס יעדער איינער איז אָפּגעטיילט פון דעם צווייטן אידן, סיי במקומו און אויך באופן עבודתו, מאַכן זיי (אַלע צוזאַ־מען) די דירה לו ית' בתחתונים.

יו"ד. ע"פ כל זה יש לבאר די שייכות פון ז' מרחשון צו פרשת נח:

בנוגע דעם חטא פון דור הפלגה[72] איז מבואר אין מפרשי התורה[73], אַז זיי האָבן געוואָלט אַז דער גאַנצער ישוב בני אדם זאָל זיין במקום אחד און דערפאַר האָבן זיי געוואָלט בויען אַן עיר ומגדל וועלכע זאָל זיי אַלע מאחד זיין צו־זאַמען — און דאָס איז געווען היפך כוונת הקב"ה בבריאת העולם: „מלאו הארץ וכבשוה"[74], אַז אומעטום אין דער וועלט זאָל זיין ניכר דער „לשבת יצ־רה"[75]. און דערפאַר איז די תוצאה דערפון געווען — „ויפץ ה' אותם משם על פני כל הארץ ויחדלו לבנות העיר"[76], וואָס דאָס איז ניט געווען סתם אַן עונש על חטאם, נאָר דערמיט האָט זיך אויס־געפירט דער רצון וציווי ה' פון גלייך בתחילת הבריאה, אַז מ'זאָל דוקא זיין צעשפרייט „בקצוי תבל . . ולא יהיו במקום אחד כמחשבת אנשי דור הפלגה"[77].

און דאָס איז אויך דער טעם פון ציווי ה' אל נח[78] „צא מן התיבה אתה ואשתך ובניך ונשי בניך אתך כל החי' גו'" און ווי ער איז ווייטער ממשיך[79] „ומלאו את הארץ", וואָרום אין תיבת נח זיינען זיי אַלע געווען במקום אחד — און די כוונה איז עס זאָל זיין „ומלאו את הארץ".

און דעריבער, אַלס הקדמה צו דער עבודה פון אידן, אָנהויבנדיק פון ז' מר־חשון ווען יעדער איד איז במקומו דוקא, און דוקא ע"י ווערט אויפגעטאָן די דירה בתחתונים אין וועלט, לייענט מען

70) דבירושלים בשעת הרגל כל ישראל חברים (דכל ישראל נאמנים אף על התרומה) — חגיגה כו, א.

71) וזהו נוסף על הדין דביאת כולכם.

72) (סיום וחותם פ' נח) ולהעיר שפ' שביעי — סיום — דפרשתנו (שיעור דיום השבת) בה מודגשת השייכות להימים שלאח"ז יותר מבתחילת הפרשה.

73) ראה רמב"ן בראשית א, כח. בחיי פרשתנו יא, ד. אוה"ח יא, א. ועוד. וראה מאמרי אדה"ז — פרשיות ח"א ע' סא. אבל ראה רמב"ן פרשתנו שם, ב.

74) בראשית שם.

75) ישעי' מה, יח. וראה לקו"ש ח"ה ע' 159 הערה 63.

76) פרשתנו יא, ח.

77) ל' הרמב"ן בראשית שם. ועד"ז בבחיי ואוה"ח שבהערה 73.

78) פרשתנו ח, טז-יז. וראה לעיל ע' 28 ואילך.

79) ט, א.

בתורה (לשון הוראה) דעם תוכן הענין ווי ס׳איז אין תורה בא בני נח, אַז די כוונה איז ניט זיי זאָלן זיין אַלע צו־זאַמען במקום אחד, נאָר זיי זאָלן זיין „נפוץ על פני כל הארץ״, ביז צו „ומלאו את הארץ״.

און אע״פ אַז די דירה בתחתונים ווערט אויפגעטאָן דוקא ע״י עבודת בנ״י בקיום התומ״צ, דאַרף מען אָבער צו־גרייטן אויך די וועלט, דורך דעם וואָס די ב״נ זיינען מקיים די ז׳ מצות און פירן אויס דעם תכלית פון „לשבת יצרה״, וואָס דערמיט ווערט די וועלט מוכשר וראוי[80] צו ווערן אַ דירה לו ית׳ בתח־תונים[81] דורך דער עבודה פון אידן[82].

(משיחת ש״פ לך תשמ״ה)
לקו״ש חכ״ה

80) ראה בארוכה לקו״ש שם ע׳ 159 ואילך.

81) וראה לקו״ש חכ״ט ע׳ 296 דכאשר ב״נ מסייעין לבנ״י למלאות תפקידם אז הוא שלימות הדירה. עיי״ש.

82) א) שבשבילם (ובשביל התורה) נברא העולם, ב) שנברא מפני שנתאווה הקב״ה כו׳. ועכצ״ל ש(תוכנם) היינו הך.

# מה.

**יש לעורר עוה"פ (כפי שאמרתי כמ"פ)** שהרבנים **צריכים לפרסם הפסק־דין** ש„כלו כל הקיצין"[1], **ובנוגע לתשובה (כהמשך דברי הגמרא „ואין הדבר תלוי אלא בתשובה") – כבר עשו תשובה (כפי שאמר כ"ק מו"ח אדמו"ר כמ"פ שכבר עשו תשובה, וכבר השלימו כל עניני העבודה), ועתה נשאר רק הענין** דגאולה האמיתית והשלימה בפועל ממש.

**. . . אין מה לחכות יותר, כיון שכבר סיימו כל עניני העבודה, וכבר עשו תשובה,** ואין הדבר תלוי אלא בביאת משיח עצמו. – **„אין הדבר תלוי אלא** בתשובה" **הי' לפני משך זמן, אבל עכשיו (לאחרי שכבר עשו תשובה) אין הדבר תלוי אלא** בביאת משיח עצמו. **כל מה שצריך זה שיבוא משיח בפועל ממש, „מראה באצבעו ואומר זה"[2], זה משיח צדקנו!**

**. . . והעיקר – שיהי' כן בפועל ממש, באופן ש„מראה באצבעו ואומר זה", ותיכף ומיד ממש, כפי שהנני חוזר ומדגיש כמ"פ שלא זו בלבד שסוף הגאולה לבוא, אלא** שהגאולה עומדת כבר על סף הפתח, **ומחכה לכל אחד ואחת מישראל שיפתח את הדלת ויסחוב את הגאולה לתוך החדר!!**

(בעת ביקור הרה"ג מרדכי אליהו שליט"א, ו' חשון תשנ"ב)

---

1) סנהדרין צז, ב.

2) ראה תענית בסופה. שמו"ר ספכ"ג. פרש"י בשלח טו, ב.

לזכות

החתן התמים **מנחם מענדל** הכהן שי'

**בלעסאפסקי**

-מעלבורן, אויסטראליא-

והכלה **חי' מושקא** תחי'

**יעקבסאן**

-טאראנטא, קאנאדא-

לרגלי בואם בקשר השידוכים

מוצש"ק בראשית, אור לר"ח מ"ח ה'תשפ"א

ל ז כ ו ת

הרה"ת ר' שלום בן פריידא שיחי'

לרפואה שלימה וקרובה
לאויוש"ט ובריאות
ובכל המצטרך